STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03028

SIMBOLN

Judd L. Teller

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. טעלער

סימבאָלן

פארלאג בידערמאַן
ניו יארק

Copyright 1930
J. L. Teller.

שאַטנס

שאַטנס...
אַמאָל זיינען זיי שטראַלן געווען :
זינגענדיקע,
לופטיקע,
שטיפערישע שטראַלן ;
פלעגן אויף פעלדער הוליען,
אויף יבשה און אויף ימים.

אַמאָל...
האָט יענער „אַמאָל"
לאַנג שוין פונם ברעג אַוועקגערודערט,
זיין זעגל פונם האָריזאָנט זיך אָפגעטאָן,
נאָר ערגעץ —
רכילותט נאָך שוים וועגן אים.

זייט דאַן —
האָבן זיך די שטראַלן
פון עפנטלאַכן לעבן צוריקגעצויגן,
וואוינען ערגעץ אין די וועלדער,
אין ווינקלען אויסגעשטילטע און פאַרשטילטע,
שווייגנדיקע,
אויסגעצערטע,

אויסגעבלייכטע,
וואוינען זיי —
איעדער אויף זיין גוט און זיין מאיאָנטעק, —
ווי אָפּגעלעבטע גראַפן,
באַדינט פון דינער גרויע,
ווי באַאַמטע אַלטע,
וואָס שעפּן פון פּענסיע.
וואוינען זיי אַזוי פאַר זיך,
מיט זיך,
לאַנגווייליק און צופרידן...

שאַטנס... אַמאָל זיינען זיי שטראַלן געווען.

דער סוד פון דער וועלט

אַזאַ טבע האָבן טעג:
כאָטש מען בעט זיי ניט אויף כיבוד, קומען זיי צוגיין...
איז אַ מענטש אַמאָל פון זיינע טעג אַנטלאָפן,
אַ בוידעם־שטיבל געדונגען און אַהין פאַרקראָכן,
אויף אַ זאָפע זיך צעשטרעקט, מיט אַ ליולקע אין מויל,
און געוואַרט, עס זאָל זיך צו אים
דער סוד פון וועלט אַנטפּלעקן...

האָט דער צער געוויינט אונטער זיין טיר,
ווי אַן אונטערגעוואָרפענער ממזר;
און יאָרן האָבן דורכגעצויגן

דעם גרויען זקנה-פּאָדים דורך זיין לעבן,
און ער איז נאָך אַלץ נאָזנדיק אויף דער סאָפּע געלעגן,
געצויגן דעם רויך און געוואַרט אויפן סוד פון דער וועלט...

און איין פּאַרנאַכט איז ער פּלוצלונג פון פּלאַץ אויפגעשפּרונגען,
און זיין באָרד — איינגאַנצן ווייס, ווי אַ צוגעקלעפּטע פּרייד,
און אַזוי האָט ער איבער גאַסן געשפּאַנט,
מיט גרויקייט אין באָרד און טרויער אין די אויגן,
און אויף אַ קויטיקן שטריקל אַרום האַלדז —
דעם סוד פון דער וועלט אויפגעצויגן...

געהאָנגען איז אַ זון אויפן הימל,
ווי דאָס האַרץ פון אַ געקוילעטן גאָט ;
און מענטשן זיינען פון דער אַרבעט געגאַנגען :
יונגע —
וואָס האָבן קיינמאָל ניט פאַרזוכט נאָך זעמלדיקע ליידנשאַפט,
און פון תמיד זיך געגריזשעט אין ראָזאָווער תאוה,
און אַלטע — מיט פאַרמעקטן כתב פון יאָרן אויפן שטערן...

און זיי האָבן פון אויג-ווינקלען אים געמאָסטן,
און אימיצער האָט זיך ביים האַרץ געכאַפּט.
— „משיח !“ — האָט מען אויסגערופן,
און שוין האָבן גאַסן נאָך אים זיך געצויגן ;
האָבן הענט מיט קוויטלאַך זיך געשטרעקט,
זיינען קאַליקעס פאַר אים אין שטויב געפאַלן,
זייערע וואונדן אויפגעוויקלט,
און זייער קרעציקע שאַנד
אויפגעדעקט.

און ער האָט געשמייכלט,
געפילט ווי עס בויגן זיך די קני,
זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט
און פאַרגאַנגען...

איז מענטשן גאָרניט איינגעפאַלן, אַז אַ מת זאָל טראָגן
דעם סוד פון דער וועלט
אויפן לייב אויפגעהאָנגען...
זיינען זיי ווייטער אַוועק — און אויף אַ האָר ניט קליגער
געוואָרן...
האָט דער דרימלענדיקער זייגער אויף אַ קלויסטער־טורעם
פּלוצים נערוועז מיט די הענט זיך צעצלמט,
ווידער די אויגן פאַרמאַכט,
און אויף אַ האָר ניט פרומער געוואָרן..

ליד פון אַ מיטלמאַן

אַ שטילער מענטש בין איך אַזאַ,
מיט אַ קליינעם האַרעם טעג ;
ניט געוואונען האָב איך זיי אויף „פאַנטאַזי“,
און ניט געקויפט זיי פאַר מיין טאַטנס געלט.
געאַרבעט, געהאָרעוועט, געוויקט זיך אין שוויים,
און פּרוטה צו פּרוטה געשפּאָרט,
און פיאַסטער צו פיאַסטער געלייגט,
און אָנגעזאַמלט בּיסלאַכווייז

א הייפעלע צנועהדיקע, שיינע טעג.
אויסגעקליבן האָב איך זיי
לויט מיין שטאַנד, לויט מיין טאַש און געשמאַק,
און געבראַכט זיי אין מיין פּשוט הייזל,
אַרום וועלכן ס׳גרינט די שטילקייט דורכן גאַנצן יאָר...
האָט אַללאַ געבענטשט מיין הויז מיט גענאָד:
זעטיקט דער האָרעם מיט מענערשער נייגיר,
תמיד זיינען בלאַס פון שוואַנגער מיינע טעג,
פרוכטבאַר זייער מוטער-טראַכט, און זיי קינדלען צו דער צייט...
און אַן איבעריקע מטבע אין שטוב איז פאַראַן,
איז וואָס-זשע פעלט מיר דען?
ווער איך שמאַלציקער פון טאָג צו טאָג, און בייכיק-בייכיקער מיין בויך,
און דאָך איז מיין האַרץ נים גאַנץ מיט מיין האָר.
זיץ איך מיט די זקנים פאַר די טויערן פון שטאָט,
און עס פון איין שיסל מיט דער לאַנגוויל;
איז שוין, דוכט זיך, גוט, און דאָך —
זעסט אַ שיינע פרוי, און דערמאָנסט זיך אָן אייגן ווייב
מיט איר געקאָרטשעטן לייב, און נאָך, און נאָך —
נאָר זיי מיר מוחל, אַללאַ,
הירזשעט דאָך פון וואוילטיק אויך דעם מלכס אייזל,
און עס זינדיקט אַ זאַטער קעגן גאָט!

ליידנשאַפטן

ווי פאַרוואונדעטע און גוססדיקע זעלנער,
אין דער שפעטער נאַכט-שעה
אויפן איינגעשטילטן שלאַכטפעלד,
וואָיען אונדזערע בלוטן מיטן אָנקום פונם אָוונט ;
און זיי יאָמערן, ווי חצות-פאַרביי,
קעץ, וואָס ראָיען אין די מיסטן...

פויזעט אַ מענטש אויפן בויך,
גראַבלט די ערד מיט די נעגל,
דריגעט מיט די פיס, העשעט מיט אָטעם פון וואַנזין,
און זיינע ליפן סלונען מיטן אָפשוים פון אור-אַלטע תאוות.

לויפט אַן אַנדערער מיט בלוטיקע לאַפעם דעם מערב אַנטקעגן
און פאַלט, ווי אַ געשאָסענער לייב, מיט אַ בריו...
קלינגט די אומרו אין די גלאָקן...
ווי שאַרפע פייפן שניידן בליצן דורכן חושך.
דערנאָך, הענגט די נאַכט אין קרישטאָלענע סטראָמפעס...
פון דעכער קאַפעט טראָפנווייז די שטילקייט...
און ...
אין אַ צעל,
באַ אַ פענסטער דורכגעשטרייפט מיט גראַטעס,
שטייט אַן אויסגעבלייכטער, דאַרער נזיר,
און דריקט מיט ביידע הענט אַ הייליק ספרל צום האַרץ...

מיטן אָנקום פונם אָוונט קריגן בלוטן לשון...

ליד פון א בן־־אדם

ווייס איך ניט,
צי איז „ער" אזא לץ, אדער גאר אזא נאאיווער נאר,
וואס יעדע נאכט נעמט ער אראפ די זון פון הימל,
און לאזט איבער מאן און „זי" אין גרויס פינצטערניש,
אליין צו בלאנדזשען אויף די ראנדן פון דער וועלט ?...

און מיטן אוונט קומען דא צו אונדז — די ווינטן:
קאלטע,
שניידנדיקע,
ווי זיי וואלטן לאגיק געערדט...
ווערט דאן שווער און מען לאזט זיך איבער גאסן,
מיט דערוואַרטנדיקע הערצער, וואסערדיקע אויגן, סלונעדיקע ליפן,

— אפשר וועט דארט ווער אנטקעגן קומען ? —
ערשט ווען הערצער ווערן פון עלנט געשוואלן,
דערקענט איין מין דעם צווייטן,
און אומרוען פארשטייען זיך אויף אייגענעם לשון...
ווי דען קען מען דערשטיקן דעם עלנט,
ווען די זון אין ביי גאט אויפן טיש ?
און דער יום־טוב איז שוין לאנג פן דער וועלט געגאנגען,
אפגעשניטן האט נאך גאט א סקארינקע שבת,
זי פארשלאסן בא זיך אין קרעדענץ,
און פאר אונדז האט ער גארניט געלאזט.

איז דאָך אונדז באַשערט אַזוי
צו טראָגן דעם עול און די בושה אין בוזעם־קעשענע פּאַררוקט,
נאָר זיי אַרויסנעמען באַנאַכט און לייגן אונטערן קישן, צוקאָפּנס.
שווייגן מיר און שאָקלען מיט די קעפּ,
און טרייסלען אָפּ, לייכט שמייכלענדיק, דעם אַש פון די ציגאַרן...
אמת — עס טרעפט אַמאָל,
אַ טרער פּלאָפּלט אַרויס
אַזוינס, וואָס בעסער וואָלט עס שוין געבליבן ניט דערזאָגט...
נאָר דאָס איז דאָך ניט אונדזער שולד,
און מען קען אונדז ניט דן זיין דערפאַר...

ליד פון נאַכט

ווי־ניט־איז
האָט נאָך פּאַרט יעדער פון אונדז אָפּגעשפּאָרט אַ קניפּל „אייגנס",
טראָגט עס אין אַ קעשנדל איינגעניית אין העמד,
און טוט עס פּאַר קיינעם ניט ווייזן.
נאָר ווען עס קומט די נאַכט,
וואַרפט איינער נאָכלעסיק אַוועק דאָס העמד אויף דרערד,
אַ צווייטער לייגט עס פּאַרזיכטיק צונויף,
לויטן נוסח פון קנייטשן.
און אַלע זעען אויס גלייך אין די בעטן:
נאַקעטע, אויסגעצויגענע און שטייפע,
מיט אויגן — פּאַרמאַכטע, און בלאַסע — געזיכטער...
ליגן מיר אַזוי און שווייגן,

און לאָזן דעם חלום
קריכן, ווי אַ פליג, איבערן פּנים...
נאָר דער גאָרגל איז אומגעדולדיק און נערוועז —
וואָלט ווער געגלויבט, אַז דאָס וועלן מיר זיך שטילערהייט
מיטן שם־המפורש ?
ערגעץ —
שלעפּט־אום זיך אַ קרומער אויף קוליעס,
אַ בלינדער קלאַפּט מיטן שטעקן טיק־טאַק ! —
ווי ער וואָלט געציילט די רגעס צו ביאת־המשיח...
אויסער דעם —
שטיל. די וועלט — ווי איינגעדעקט אין פּייכטער וואָל,
ווי טאָקע גאָט אַליין וואָלט זי באַשאַפן !
און דער מויהל נאַרט זיך גאָרניט אָפּ
בײַ די קניפּלאַך מיט אונדזער ביסל „אייגנס".

RESURRECTION

אַט דער וואַזשנער איך, וואָס דיסקוטירט, קריטיקירט און שרייבט
לידער,
וועט דאַן שוין אפילו אין שפּיגל ניט זיין ;
נאָר אַן אַנדערער וועט פעלשן אויף דער וועלט
אין צעקניטשטע הויזן און צעכראַסטעטע העמד,
די האָר — אָפּגעשפּאָרטע פון פליך, מיט אַ שרינט אין מיטן
פארקעמט,

פּיפּנדיק פֿאַרנאַרן פֿריידן פֿון די בוימער־שפּיצן,
קאָרמען אומעטן מיט נים,
און נוצן מיין חשובע פּירמע,
און חתמ.ען מיין ערלאַכן נאָמען.

און אַמאָל צום ברעג פֿאַרבלאָנדזשען:
און אָוונט וועט זיין,
און אומעטיק,
און שטיל.
דער ים וועט ליגן אַ גוטער און וואוילער
(ווי גאָט האָט געבאָטן) —
אַ ים אָן אַ רויג, אָן אַ גאַל.
וועט ער שפּאַנען באַם ברעג, שאַרן אין זאַמד,
זיך אָנשטויסן אָן אַ שאַרבן, אָן אַ גליד,
(אפשר דאָס געביין פֿון מיינס אַ ליד?)
און טראַכטן פֿון גאָרניט.
הויך פֿון מויל, קריץ פֿון ציין —
גאָר! — און — ניט...

ביידלאַך וועלן שטיין מיט זון אין די שויבן,
וועט ער פֿאַלן אויף די קני און שעפּטשען:
„כי טוב —
ווי וואויל איז, ווי גוט",
און שמייכלען און קרומען די ליפּ;
נוצן מיין חשובע פּירמע,
און חתמען מיין ערלאַכן נאָמען.

ווען אונדזער אַלטן דינער

גיט איינמאָל האָט מען שוין געהערט אַזוינס:
ווען זיי עסן זיך מיט אַלצדינג איבער,
און עס הויבט די לאַנגוויל פון זיי אָן צו גרעבצן,
איז אַ פענצטער נאָך פאַראַן,
און אַ גלאַטער טראָטואַר זשמורעט אונטן זיינע אויגן...

און די קינדערלאַך דערציילט מען וועגן פאַלנדיקע מעטעאָרן...

שמייכלען אָבער קלוגע לייט און עס שמעקט פון זיי, ווי שניי,
מיט סודות:
יאָ, עס קען זיך אין די פיינסטע הייזער טרעפן...
דוכט זיך, אונדזער דינער — אַן אַלטער און אַ וואווילער,
צעשטעלט שטילערהייט, ווי פלעשער מילך,
די טעג בײַ אונדזערע טירן;
און דאָך — ער שווייגט עפּעס צופיל,
און באַנאַכט פאַררוקט ער זיך אין קעלער אויף די שמאַטעס,
און קוקט מיט באַוואוסטלאָזע אויגן
אויפן אָפּגעבליאַקעוועטן רעגנבויגן,
וואָס הייגגט אויף קעגנאיבערדיקער וואַנט,
ווי אַ שווערד — אַן אָנדיינק פון גאָר אַלטע קריגן...

און עס קען אַ מאָרגן קומען —
מיר וועלן עפענען די טירן און דאָרט די פלעשער מילך
נים געפינען...
און שפּעטער אין טאָג, ווען מען וועט אים אַ דערטשמעליעטן
ברייננען אַהיים,
וועט מען זען אַ צעשוואומענע בריאה קאַטשען זיך אויף זיין
געלעגער:

און מאָדנע:
ערשט דאַן וועט מען זיך דערוויסן,
אַז נים אַליין האָט ער געוואוינט,
נאָר געלעבט מאַן־און־ווייב מיטן געוויסן...

יאָ, מען האָט שוין געהערט אַזוינס —
עס קען זיך אין די פיינסטע הייזער טרעפן...

ליד

דער אַלטער מיט די מילדע, גוטע אויגן און די אָדערדיקע,
צאַרטע הענט,
באַם פאַרקאַן אין זומערדיקן פאַרנאַכט:
שטילקייט שלייכט אַרום אין גערטנער —
און באַשפּריצט די בוימער און די גראָזן;
יונגע הערצער ביינקענען צו שאָטנדיקע פּלויטן;
אין בלייכן שיין, מיט ציטערדיקע הענט,

שרייבן ווינטן אין זייערע נעמען אין זאמד;
און דער גוטער זקן באם פארקאן
רוקט אריין צוויי פינגער מיט טאבאק אין נאז,
ווי א שאטן מיט א קריגל מילך
איילט א שמייכל דורך אויף זיינע ליפן...

מיטן וועג, וואס פירט צום באלויכטענעם הויז,
שפאנט ער געמיטלאך,
הענט פארלייגט, און קאפ אויף ברוסט,
ווי ער וואלט געשאצט דעם ווערט פון די אייגענע טריט...

נאכמיטיק

זיצט ער שווייגנדיק אין פאטער־שטול, און איך — אין ווינקל
פון קאנאפע;
רוען מיר אזוי און לאזן אונדזערע געדאנקען אומשפאנען
אין שטוב ווי הינער,
אויף לאנגע, שלאנקע פיסלאך, פיקן ברעקלאך פון פאדלאגע
און קווא־קוואקען...
פול, שווער, פוסט..
דאס גאנצע לעבן טרעשטשעט אונטער אונדזערע זאטע,
צופרידענע קערפערס...
פון סטעליע סלונעט א שלעפערדיקע שפין,
א קורצזיכטיקער ווייזער בלאנדזשעט איבער ציפערבלאט,
ווי א ווארזאגערס האנט איבער די קארטן...

מיר הויבן-אויף די אויגן, אונדזערע בליקן געגענען זיך אַן,
ווי דורכגייער אויף אַ טראָטואַר,

אַ פינגער ביים הוט, אַ נויג זיך, אַ בויג, אַ שמייכל, אַ וואָרט —
און אַנטשולדיקט.

און ווידער ליגן די בליקן באַ אונדזער צופוסנס,
און שפּילן זיך מיט די בענדלאַך פון אונדזערע שיך.

אָוונט-מאָטיוו

פאַרביינקטע נעז נענען צום ריח פון געעלטערטע רויזן;
עס איז אַן אויסגעביינקטע, געצערטלטע שעה —
אַ שעה, וואָס טראָגט אירע אייגענע האָר.
נאָר מאָדנע, ווי באַ מיר בויגן זיך די קני,
די לאַנדשאַפט שווינדלט דורך פאַר מיינע אויגן,
ווי אַן איבערגעריסענער פילם,
און מיין פינטלדיקער בליק שטויסט זיך פלוצים אַן אַן פוסטן
ליילאַך פון דער נאַכט.
די האַנט זוכט פאַרצווייפלט אַן אַנלען אין דער לופט,
דער קערפּער זינקט,
אַלץ ווי אין אַ נעבל —
ווי ווערטער, וואָס מען כאַפּט-אויף אַמאָל אין שלאָף — — — —

טעגלאַנג אַזוי:
די הענט פאַרלייגט, די פּיס צעשפּרייט,
ניט אַ וואָרט, ניט אַ קלאַנג, ניט אַ שאָרך;
נאָר אַ שפּילעוודיק געדאַנקל
אויפן קייטל פון זיין זייגער;
אַ כיטרעקייט אין פלעמל פון זיין פּאַפּיראָס;
אין מויל-ווינקל — אַ קנייטש, אַ בלום אין לאַץ —
גענוג פאַר מענטשן אים צו בענטשן און צו שעלטן...

למד-וו

„אין די אָפּגענוצטע, שטויביקע פאָרמעטן שטייט געשריבן..."

ווי די מעשה זאָל ניט זיין —
ער צינדט שוועבעלאַך און וויקלט פּאַפּיראָסן.
און ווען ווער אָנקלאַפּן אין שויב:
— העי, דו! האָסט אפשר וואו דעם גרויסן „ער" געזען? —
ווייסט ער ניט:
„באַטאָג אים געזען מיט אַ קוישל... געגאַנגען יאַגדעס קלויבן..."
און ווידער צינדן שוועבעלאַך און וויקלען פּאַפּיראָסן.

נאָר ווי אַ שטיקל פּאַפּיר וועט אַ געדאַנק זיך וואַלגערן
אין שמוץ צווישן בײדע שלייפן,
וועגן דעם,
וואָס „אין די אָפּגענוצטע, שטויביקע פּאַרמעטן שטייט געשריבן".

דער זייגער, גלייכגילטיק־קאַלט ווי אַ יעוונוך,
היט דעם האַרעם פון צוועלף ציפערן.
ווי די מעשה זאָל ניט זיין —
ער צינדט שוועבעלאַך און וויקלט פּאַפּיראָסן.

מיינע סענטימענטאַלע שוועסטער און ברידער — אַ ליד

דער רעש האָט זיך געזעצט אין אַ שטול בײַ דער טיר,
אַ פוס־איבער־אַ־פוס, פאַרצונדן אַ ציגאַר,
און צופרידן זיך צעשמייכלט...
און זיי — די מענטשן,
מיט פּנימער ליידיקע, בלייכע, ווי אָפּגעצויגענע טייכן,
מיט רוקנס — הילפלאָז־נאָכגעלאָזטע, ווי די מאָרדעס פון צייג־
לאָזע זקנים —
בויגן הכנעהדיק דעם קאָפּ, טשמאָקעטשקען־צו מיט די ליפּצן
„אַ גוטן",
און שאַרן זיך אַרום דורך דער טיר...

ווי בלעזלאַך אויפן טייך
שפּראָצן־אויף ליכטער אין די גאַסן.

זשמורען „זיי״ די אויגן און זיי פינטלען מיט די אַפּלען;
ווי זייערע טראַכטעניש דאַרטן אין די שלעפערדיקע מוחות,
פּלאָנטערט זיך די מידקייט צווישן זייערע פּים;
בינדן זיך און קניפּן זיך די גאַסן און די מאַסן,
און דערשעפּטע ציען זיי זיך אַלע אַהין,
וואו עס זיצט איצט די רו בײַ אַ פענצטער
און שטריקט פאַר זיי וואַלענע זאָקן...

פאַרנעבלטע — די אויגן, און פאַרטשאַדעטע — די בליקן,
און זיי ציען און זיי שטאַמלען,
און זיי בלאָנקען און זיי בלאָנדזשען,
און זיי וועלן סוף-כל-סוף זיך דערפרעגן צו דער רו —
און טרעפן זי אין דרויסן מיט אַ שופליע אין דער האַנט,
שאַרנדיק דעם שנײַ פון איר שוועל...

טראַכטנדיק פון איר

איבער וועלט שוועבט אַ שטיל, גאָלדן ליכט,
ווי טויזנט קינדער וואָלטן זיך אין שלאָף צעשמייכלט.
אַ מאָרגן אָנפאַנג-מערץ — די לופט קאַטאַריש מיט פרילינג...
ער — צעשטרעקט אין אַ העמאַק אויף דער טעראַסע,
די הענט פאַרלייגט אונטערן קאָפּ, מיט אַ ליולקע אין מויל,
בלאָזט דער לופט רויך אין די אויגן אַריין,
טראַכט פון איר און אירע טויזנט חנען,
טראַכט אַזוי ציניש און קלוג,
און שמייכלט.

ווי אַ זײַדענער פֿאָדים הייננט אַ פֿאַרשטענדעניש צווישן אים
און די בלויע רינגען —
ווען זי איז דאָ דערבײַ, וואָלט זי זיך פֿאַררויטלט...

ליד וועגן איציקן נאַר

דער ווינט פֿון האַרצן אַנטרונען,
דער באַוואוסטזײַן פֿון פּנים אויסגעדרונגען,
אָט אַזוי:
מיט געבויגענעם קאָפּ און געעלטערטע טריט,
האָט ער זיך געשלעפּט איבער די גאַסן.
איבערגעשפּיצקייט האָט געטאָגט שוין און געגרויטלט אונטער
לעדלאַך,

און געטראַכט האָט ער
וועגן דעם געלעכטער, וואָס איז אײַנגעשרומפּן, אײַנגעלאָפּן
פֿאַר זײַן קלונג,

וועגן אַן אַנטוישטן „קאַוואַליר“, וואָס שלעפּט זיך איצט מן־הסתּם
אַהיים —

שעלטנדיק דעם קלינגער,
וועגן איר —
פֿון צווישן ענג־פֿאַרפּרעסטע ליפּן האָבן זיך אַרויסגעשיילט די
די ציין,

— געשמייכלט צי געקריצט ? —
און געלויכטן ווי קעצישע אויגן בײַנאַכט...
הייזעריקע מעלאָדיען האָבן זיך געבאָמבלט ערגעץ אין די אויערן,
און זיך נאָכגעשלעפּט ווי ביינוול ;

טעג האָבן געוואַלצט צו דעם טאַקט פון אַ גרילצנדיקער
וויקטראָ—אָ—לאָ,
און אים איז אַזוי גוט געווען — אַזוי גוט,
כאַטש צי זיך אוים אויף אַ קושעטקע, מאַך די אויגן צו
און שטאַרב.

דער אַלמעכטיקער „איינער"

פֿון גאָט געבענטשט מיט אַ האַרב פון פאַרנט און הינטן,
דאָס פּנים מיט קנייטשן, ווי פון רעגנס צעבייטשט,
ביי׳טלאַך אונטער די אויגן, ווי זיי וואָלטן געווען געברייכט,
און מיט ראַיעלער זכרשקייט,
דרייט ער זיך אום — דער איינציקער מאַן
באַ די פרויען פון יענעם אינדזל.
יונגע פרויען מיט פייכטע אויגן, אונטערטעניקע גלידער...
ווען דער טאָג רינט אוים פון וועלט,
קאַטשען זיך זייערע געוויסנס אויף אַלע מענערשע געלעגערס...
און מיט דער געצאַמטער באַלעבאַטישער הנאה פון אַ גאָט
ווייסט ער דאָס, און זעט אויך און באַנעמט
ווי זיי פרואוון פאַרקוקן און פאַרגלעטן זיין ציגישן געגליד,
אוים מיטלייד,
אוים רחמנות,
אוים —
און אוים — —

און אוים — — —
און אַלץ, ניט צו פאַרזינדיקן, צוליב דעם מאַן...

רואיק, ווי אַ שבתדיקער ווינט, שפּאַצירט ער אום צווישן זיי,
נאָר אין טיף־טיף פון זיינע אויגן פּילט דער לץ זיך די נעגן...

ווען אײנעם גײט גוט ...

די אַלע קלוגע, שאַרפע רייד שוין ניט פאַר אונדז —
עס איז דאָך ניט די ערשטע זאַך וואָס ניט פאַר אונדז.
איז ווער עס צייכנט זיין נאָמען אויף אַ שויב,
ווער עס שפּילט זיך מיט די טראַלדן פון זיין שלאַפראַק.
ווער עס לאָזט נאָר רויך דורך דער נאָז —
און מען שמייכלט אַזאַ פוילן שמייכל,
און מען שווייגט אַזאַ געזונטן שווייגן.
דער טאָג איז אַ זומערדיק־שיינער,
דאָס האַרץ איז ברייט, און די האַנט איז אָפן,
און דאָס געוויסן —
דאָס ברויט, דאָס זאַלץ און דאָס וואַסער פאַר די פיס
פון פאַרוואָגלטע חרטות...
שפּאַנט מען אום די הענט אין ראָק
און מען קלינגט מיטן אומעט, ווי מיט קליינגעלט.

באַלאַדע

אַלע האָבן דאָך געוואוסט, אַז ער וועט שוין לאַנג ניט ציען,
נאָר קיינער האָט זיך ניט געריכט, עס זאָל קומען אַזוי גיך...

פּלוצים ...

יענע נאַכט זיינען ווינטן פון דער הויט געשפּרונגען;
ווי ווערטער פון געליימטע ליפּן האָבן האַגלען אויף שויבן
געקלאַפּט;
הימלען — מיט דונערן געבראָכן, געשלוקערצט מיט בליצן...
און פון זייערע בודעם זיינען הינט אַרויסגעקראָכן,
פאַרזיכטיק אַזוי, ווי געוויסן-פּלאָגענישן...
פריער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, דערנאָך — אַ לאַפּע,
און געבילט...
„ערגעץ אונטער פּלויטן, אין די הויפן, לויערן איצט ניט-גוטע...“
האָבן זיך מענטשלאַכע געמיטער איבערגעדרייט מיט אַ ברום,
און דערנאָך זיך אויפגעזעצט אין די בעטן,
און מיט צעטומלטע אויגן, צעפּאַטלטע האָר,
געוואַכט אויפן אָנקום פון טאָג...

און אויף מאָרגן האָט זיך פון הויז צו הויז
אַ געבויגענע געשלעפּט די בשורה, אַז „ער איז פאַרביי...“
ווייבער האָבן פאַרבראָכן די הענט;
מענער האָבן שווייגנדיק געזופט די קאַווע;

קינדער — דערשראָקענע זיך אַרויסגערוקט פון שטוב...
נאָר די טעכטער זיינען ווי אַלעמאָל געזעסן פאַר די שפּיגלען,
און רואיק געפלאָכטן זייערע צעפּ...
אַ טאָג, אַ חודש — און אַ יאָר איז פאַרביי...
„זיין" פּאַלאַץ אין געשטאַנען פּוסט, פאַרלאָזן און פאַרלאָדנט,
מיטן שאַרבן צו דער וועלט...
און איין טאָג איז אַ מיידל מיט צאַפּלדיק האַרץ
צו איר חברטע אין שטוב אַריינגעלאָפן:
„האָסט אים באַדאַרפט זען אין גאָרטן...
ער איז אויף אַ פערד געריטן...
אַזאַ שיינער און אַ שלאַנקער — אָט דער יונגער גאָט,
וואָס איז נעכטן פון אויסלאַנד געקומען..."
בלאַסע בת-יחידהס זיינען בלאַסער נאָך געוואָרן:
ניט דערשלאָפן באַנאַכט
און אַרומגעגאַן פאַרחלומט דורכן טאָג...

און ווידער איז אַ טאָג פאַרביי, אַ יאָר און צען — און זע!
אין גאָרטן דרייט זיך אום אַן אַלטער, בייזער גאָט מיט אַ שטעקן
אין דער האַנט,
און טרייבט די קינדער, וואָס ווילן רייסן באַרן פון זיין סאַד..

נאָך אַ יאָר... אפשר נאָך אַ צוויי-דריי קלאַפּטער צייט...
און ס'וועט ווידער קומען אַזאַ נאַכט מיט שטורעמדיק געוויטער,
אויף מאָרגן וועלן ווייבער פרום-שאָקלען מיט די קעפּ:
„ער איז פאַרביי..."
און מיידלאָך וועלן רואיק פלעכטן זייערע צעפּ,
און קינדער — רייסן באַרן פון גאָטס סאַד...

זומער-אָוונטן

אין זומערדיקע פאַרנאַכטן, ווען עס סמאַליען זיך פון
איינזאַמקייט די שטיבער,
קומען מענטשן אויסוואַרעמען זייער בייגקשאַפט אין דעם שטילן
„סקווער“,
וואָס ליגט אין מיטן פון צעברויזטער שטאָט,
ווי אַ זאַץ אין פאַראַנטעזן.

זיצן זיי מיט קעפּ פאַרריסענע צום הימל,
וואו שטערן — די פּיס אונטער זיך,
רעדן נעימותדיקע רייד און זופּן שוואַרצע קאַווע;
יוירן־אויף טרערן באַ זיי אין די אויגן,
און עס רינט די סלונע פון פאַרגאַפּטע מיילער...
אַזוי — ביז דער זייגער וויזט אַן אויף דער צייט;
וואַקלען זיך אַהיים די מענטשן, אומעטיקע און דערשעפּטע,
לעכצנדיק נאָך זייער שטרוי־זאַק און זייער קופּע היי...

אָפּגעראַמט דער סקווער... אין אַ ווינקל פּלאָנטערט זיך אַ ווינט
אין פּאַפּירענע פּראָבלעמען,
און עס לויכט נאָך וואו־ניט־וואו אַ פענצטער,
וואַכט נאָך ערגעץ אַ געוויסן מיט אַ פייערל צווישן די ליפּן,
אַ צווייטער — רייבט זיך איין די פּיס מיט בראָנפן...

ליד פון „סנאָבס“

זיצנדיק אין קילשטאָק פון זיין שאַפן,
דערהויבן איבער אַלץ, איבער אוניווערז און זיך אַליין,
האָט אונדז גאָט פאַרטראַכט,
אונדז — דעם שם־המפורש פון דער וועלט.
זיינען מיר אַהער אַראָפּגעקומען —
אויסגעניכטערטע חלומות, קאַסטראַרירטע ווילנס, זוימענלאָזע סיבות —
יעוונוכן.
מיר ווילן גאָרניט נעמען, מיר קענען גאָרניט געבן —
ניט מער:
זיצן אויף דער זוניקער וואַרעמדע פּונם „זיין“,
זען, ווי גאָט היינגט אַרום גאַנצפרי די אומשולד פון דער וועלט צום טרוקענען;
ווי אָוונט לייגט זיך איבער ערד,
ווי אַ האַנט אויפן בלאַט פון אַ בוך —
קוקן אויף דעם אַלץ מיט אויגן גלעזערנע און שטאַרע,
און דרימלען.
מער גאָרניט...
יאָ, מיר וואָלטן זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט דערפון,
ווען משיח ברענגט אונדז אַ לעפל געקעכץ,
און חוץ דעם —
ווען אַ ווינט בלאָזט דער לופט אונטער די פעדערן, —

זיך איינהילן אין רו,
זי ארומוויקלען ארום די פיס,
און שוויינן...
און ליגן פאר דער וועלט, ווי אויסגעבאדענע קינדערלאך,
וואס שפילן זיך מיט די שולדיקסטע אברימלאך
מיט אזוי פיל אומשולדיקן חן!...

געשטאלט

שטייט מענטש א פארשעמטער פאר זיין קאפעליוש אין רינשטאק
און שווערט זיך בא זיין גאנצן ביטל מיט געירשנט נאמנות,
אז ס'איז ניט זיין שולד און ניט זיין זינד,
נאר דער ווינט —
און דער שיקזאל — —
און — — — גאט...
(דאס האט א געדאנק מיט א חוש פאר הומאר אים
אונטערגעפיסלט)
וואקלט זיך און קווענקלט זיך דער מענטש:
צי מאכן די וואנט פון א הויז פאר אן אנלען,
אדער גאר דעם דיך פון א לאמטערן?
און כאטש ציינישע גרויקייט מערעזשעט זיינע שליפן,
שטייט א מענטש אין גאס און מאכט זיך נאריש
איבער א לעבן,
וואס איז אויף דער עלטער פארבליבן
באם נחת פון הינער־אויגן.

ביילט ער זיינע פויסטן קעגן הימל:
"If I'd Get Him in a Corner!"
און ווי בלוט זעצט־אויף געלעכטער אין זיין האלדז,
שיסט ארוים דורך מויל און נאז און אויערן,
כא־כא־כא !...
און
כא־כא־כא־ ! ...
און שטי — — לער. שטיל,
„ער", ברוך־הוא, לערנט א בלאט זוהר,
און א שיכור פלאנטערט זיך אין חשבון פון די שטערן.

ליד פון ריטער

האבן עס גרעסערע ריטער נאך נעכטן געטאן,
היינט־מארגן — איך און דו...
פארשטעקן דעם כבוד אין ארבל, ביזן גארטל זיך פארנויגן,
און מיטן שמייכל פון א נאבלמאן, ווישנדיק זיין באשפיגן פנים,
קומען אייביקייט בעטן פון א פרוי...
א פרוי אזא מיט צארטע אדערן באם שלייף,
און א מחל — אויפגעשטעלט פון ציין־שטעכערס.
באנאכט, ווען פון הייזער פאלן שטילע שיינען,
ווי פענצטער וואלטן זייערע צעפ געקעמט,
וועלן אונדזערע צעשטרייטע פיס במילא שוין פארבלאנדזשען —
ווער אין א שטילן סאלאן, צו א פרוי מיט בלייכע הענט אויף
קלאוויש[ן],

און ווער גאָר אין שטאָל, צו אזאַ— מיט הענט רויטע און גראָבע,
פון גרעט, אייטער און געגאַי;
און מיט אַ פאַרשטויבטן צילינדער אין האַנט און אַ פאַרוועלקטער
בלום אין לאַץ פון אָפגעריבענעם סורדוט,
בעטן פון איר אייביקייט,
ווען אפילו נאָר די אייביקייט פון אַ טאָפּ לינדזן...
און דערנאָך — זאַטע, אָנגעגעסענע,
שפּילעוודיק שטופּן דער חרטה אַ פינגער אין מויל,
זי רייצן און אָפּטרייסלען ווי אַ קאַץ,
און טראַכטן:
ביז מען וואָלט זיך דערשלעפּט אַהיים צום אונטמאָל,
וואָלט די עולם־הבא סיי־ווי־סיי דאָרט געררונען געוואָרן,
און די פּיס — שוין עובר־בטל,
און דער גאָרגל לעכצט נאָך פייכקייט,
איז אפשר טאַקע זיינען מיר נאָך אַלעמען גערעכט? — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער שטערן וועט שיינען אַ קאַלטער און בלייכער,
און ס׳געווויסן וועט רעכנען אויף די פינגער.

‘HOME SWEET HOME.” — פון אונטער
האלב־אראפגעלאזטע ברעמען

פון שטייפן טוט דער נאקן ווייַ, פון ביילן קלעמט דער פויסט,
און גאר אפט פעשפעטעט זיך דער בליק איבער א טרער.
פרעגנזן פון סאמעט און סטיינגעס פון זייד;
ריחות פון געווירציקע מאכלים פילן זיך היימיש אין שטוב,
האבן דא צעווארפן זייערע שאליקעס און מאנטלען.
אויפן טיש און אויף די שטולן.
מיין אויג עלנבויגנט־דורך א ווענגל צו דער שויב,
און פלאנטערט זיך אינם שניי־פליטערדיק־געווירבל, וואס אויף יענער זייט,
ווי אין געזיכטער פון א מאסע.
דער געדאנק, שווער ווי די צונג בא א שיכור,
בראדזשעט אין די טרויעריקייטן פון דער גארער וועלט.
אין אנזען פון א ווארעם גלעזל טיי ווערט מען גרינג אויף לירישקייטן.
ענג־געענגטער ווערט אין האלדז...
א קליינע, צארטע האנט אויף מיין ארעם, אויפן שטערן:
א גוטע און א טרייע, וויל זי מיט א פערפומירטן טיכל
אויסווישן די שוואכקייט פון מיין אויג...
„מיין שטארקער, שטארקער מאן!”..
שטילקייט פרעגלט זיך אויף דער פאן,
און —
שוין אונטער גאר־אראפגעלאזטע אויגן־דעקלאך

שמייכלט אַ לץ אין זיין האַריקער ברוסט:
„מיין שטאַרקער, שטאַרקער מאַן!"...

פרענזן פון סאַמעט און סטיינגעס פון זייד — — —
ווי אַ זאַטע שפּין — דער שמייכל אויף מיין ליפּ...

BLUES . . .

ווי איבער ציפערן,
היפּעט, שפּרינגט און שווינד-שווינדלט זיין בליק
איבער געזיכטער און זאַכן,
זוכט —
אפשר אַ טעות אַריין ערגעץ-וואו? —
און שטויסט זיך אָן
אָן ליידיקן, נאָכהיינגענדיקן אַרבל פון סך הכל...

אונטיקע לאַנגווייל קריכט, ווי אַ לויזיקס, אונטערן העמד;
צוויי פינגער נישטערן אין וועסטל-קעשענע,
זוכן אַ האָר נאָדל,
— אַ זכר פון אַ ערשטער ליבע —
דעם אויער אויסצודלובען...

ווי אַ ניט-דערברענטער ציגאַר
טשאַדעט שטילער ווייטיק בײַ די שלייפן...
אינדרויסן אויף דער לאַנקע דרייט זיך אום אַן אויסגעשפּאַנטע
ביינקשאַפט
מיט אַ טאַרבע האָבער אַרום האַלדז...

FINIS

אויף אונדזערע בלעכענע דעכער טריפּ-טראָפּנט אַ רעגן,
נודנע — ווי די רייד פון אַ מיטליאַריקער פרוי וועגן ליבע...
שעה׳ן קריכן אום, ווי דער מויהל צווישן בלעטער
פון אַן אַלטן ספר...

און די לידער, אָפּגעצאַמטע אין מיין פיר-אַליינקייט...
אַ גאַנצן טאָג אַזוי.
דערנאָך: אָוונט לויטערער און בלויער...
הימל פלאָפּלט האַלבע זילבעם — שטערן...
טרים שטעפּן-אוים די שטילקייט אינם גראַשנדיקן שיין פון דער לבנה —
ערגעץ-וואו דערקאָפּעט אַ פאַרשפּעטיקטער געדאַנק..
און —
און די לידער מיט די ווייסלען צו דער וועלט — — —
צום עקוואַטאָר פון מענטשלאַכע בקשות:
איך וואָלט ניט וועלן שטאַרבן צווישן מיינע לידער!...